# מאָנאָלאָג אין פּלעינעם יידיש

שור בין איך אַ לאַנדסמאַן, מיסטער זאַיטלען.
אַז כ׳בין אַוועק פֿון וואַרשע, מיינדזשיו,
האָבן אַלע ווייבער נאָך געטראָגן שאַיטלען
און אַלע יידן האָבן געטראָגן בערד.
אויף דער גאַס איז געלאָפֿן אַ טראַמווײַ מיט פֿערד.
ביי העקסלמאַנען האָט אַ מיטאָג געקאָסט אַ ריבל.
סוחרים זיינען געזעסן אין קאַנאַרעקס קאַוויאַרניע.
חסידים האָבן געגוואַלדעוועט אין גערער שטיבל.
מיינדזשיו, אַז כ׳פֿאַרגעס אַמאָל דאָס פּלעינע דזשואיש,
קען איך נאָך ביז אַצינדער
דערלאַנגען ס׳אמתע וואַרשעווער לשון.
הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער.

און איר, הער איך, שרייבט אויף די פּעיפּערס.
דזשואיש איז שלעכט אָפּ ביי אונדז, מיסטער.
איר מעגט האָבן אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער,

ס'טויג נישט — און דעטס אָל.
די וואָרע איז דאָ גאָרנישט ווערט.
איר אַליין זייט, אַלרייט,
באַט אייער לאַין טויג אין דר'ערד.
וויפיל איר זאָלט זיך נישט מענטשלען,
וויפיל איר זאָלט זיך נישט אַלרייטלען,
וועט עס העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.
סוויטשט צו אַן אַנדער לאַין, מיסטער זאַיטלען.

צי איך געדענק
דעם עץ מיטן ענק?
איין קליינִיקייט! באַט איך מיט מיין מיסעס —
מיר יוזן אַ דזשואיש אַ ה י נ ע ד י ק ן, יו נאָו, אַ פּלעינעם,
און ביסאַידס רעדט מען אינגליש, יו נאָו,
ביקאָז אָוו די ביזנעס און ביקאָז אָוו די קינדער.
שור, גרינערהייט האָט מען אַנדערש גערעדט,
באַט אַצינדער —
ריידן מיר אַ פּלעינעם יידיש מיט אַ פּלעינעם אינגליש.
אָלץ פּלעין.

גרינערהייט בין איך געווען ניט איבעריק זאַט.
וועל, אין יענע יאָרן,
האָב איך אַריינגעקוקט אין אַ יידיש בלאַט.
ס'ליגט מיר נאָך אין זכרון
אַ שטיק פון איינעם — דזשאָסט ווי האָט מען אים גערופן?
דזשעיקאָב גאָרדן.
ס'איז אָלץ געווען אַמאָל! היינט קען איך נישט אַפּאָרדן,
ביקאָז איך בין שוין לאַנג אַ סיטיזן, יו נאָו.

ביי אונדז אין די יונייטעד סטעיטס
אַז מ'ווערט אַ סיטיזן, יו נאָו,
באַדערט מען זיך נישט מיט די גרינע זאַכן:

מען לעזט נישט מער קיין יידישן פעיפער
און מען גייט נישט זען קיין זשאַרגאָנישע שטיק.
כאָטש אַז מ׳זאָל אַ שמים-טאָן ס׳אייגענע צוריק,
טויג עס דווקא גוט אין דר׳ערד,
ביקאָז עס בענקט זיך און עס געדענקט זיך.
און אַז מען מאַכט שוין געלט — איז עס עפּעס ווערט?
מיין זונדל, דער תכשיט רב מאַיק,
האַלט מיך עניוועי פאַר אַן אַלטן קאַיק.
מע האַרעוועט אויפן שוואַרציאַר, יו נאָו, אויף שדים.
מיין טעכטערל גלייכט נישט קיין יידישן באָי,
האָט זי זיך פאַרליאַפּעט אין אַן איירישן גוי,
האָב איך אייניקלעך שקצים און אַ גוי אַן איידעם.
און מיין מיסעס, מיין יידענע — דאַנטשיו נאָו האַר?
קריכט אַרום אין הויזן, וויקט זיך אויפן ביטש,
און מאָלט זיך און פאַרבט זיך און שאָבט זיך,
און אַלץ מיט אַ קוויטש —
און ס׳האָט נישט קיין יידישן טעם.

עך, וואַרשע...
מאַראַנאָוו, באָניפראַטן...
דער פאַוויאַק מיט די גראַטן...
נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער...
איטשע-מאַיער פריוועס...
זשעלאַזנע בראַמע...
אַ וואַרשעווער האָט געגליכן זיין שטאָט
ווי אַן אייגענע מאַמע.
אין חלום זע איך נאָך דעם גזשיבאָוו אַמאָל,
איך גיי מיר אַהער, איך גיי מיר אַהין,
און אַמאָל פאַרבלאָנדזשע איך קיין מאָנקעטאָוו,
וואו די וועלט איז גרין.

איז וואָס זשע הערט זיך, עניהאָו?
נישט גוט מיט יידן, האַ?

היטלער . . . מאַידאַנעק . . .
אוים וואַרשע, אוים וועלט...
אוים... אַלץ אוים...
וועל, יעס, אַבער איר פֿוירסנ׳לי —
ווי מאַכט איר דאָ אוים?
שור, אייער לאַנד איז אין דר׳ערד,
באַט אַ שטיקל לעבן מאַכט איר כאַטש?
וואָס? העל!
איר זאָגט, איר זייט געשטאָרבן,
באַט איר מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איר לעבט?
וואַטדיו מין געשטאָרבן? איר מיינט צו זאָגן, אַז —
חלילה וחס —
איר זייט פֿלעין און סימפּל געשטאָרבן?
אַהאַ, אַי גאַד׳איט. ס׳אַ דזשאָוק אַזאַ, אַ שפּאַס.
אָן אמת, זאָגט איר?
איר זאָגט, אין אַמעריקע זייט איר געשטאָרבן,
נאָר מ׳האָט אייך נישט געטאָן אייער רעכט?
וועל, איך וועל מיך נישט שפּאַרן.
אפשר זייט איר גערעכט.
באַט עניהאַו,
געשטאָרבן, געשמאָרבן — אַ לעבן מאַכט איר?

וואָס טראַכט איר?
ס׳איז אייך, זע איך, אָנגעזאַלצן אויפֿן האַרצן.
וועל, קיינער הערט דאָך נישט —
וועל איך אייך זאָגן, מיסטער:
עפּעס בין איך אויך נישט מיט אַלעמען.
ביקאָז, נאָך אַלעמען,
אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם —
נאָר ווי לאַנג שיסט ער?
נישט גאָט — דער בעזעם מיין איך.

איך זייט דאָך אַ לאַנדסמאַן,
וועט איר מיך אפשר פאַרשטיין.
ווי איר קוקט מיך אָן — בין איך איינער אַליין,
דזשאָסט איינער אַליין,
אַן אַלטער ייד אָן אַ באָרד,
ווי אַ יאַלדישער מלך אויף אַ קאָרט,
און אין די נעכט, ווען ס׳נעמט נישט קיין שלאָף,
ליג איך און ליג,
און ס׳ביסל יאָרן לויפט מיר פאַרן בליק,
און איך טראַכט: אָט ליגט אַ ייד אַ נאַר,
אַ נאַר, אַ נאַר, אַ נאַר מיט אַ קאַר,
אַ ייד אין אַמעריקע.

וועיט אַ מיניט:
וואָס איז עס געווען אַזוינס, דאָס אַמעריקע?
וואָס האָט עס געמיינט —
און וואָס מיינט עס?
ס׳האַרץ, בעג יור פאַרדן, וויינט.
פאַרוואָס וויינט עס?

עך, וואַרשע...
איך בין, זאָגט איר, אויך אַ שטיקל טויטער?
וועל, כ׳וועל אייך זאָגן, לאַנדסמאַן:
אַביסל זייט איר — ביטווין אָס — גערעכט.
ביקאָז היינט איז יעדער ייד אַ שטיקל טויטער,
אַ מת, וואָס שלאָפט נישט נעכט.
זיי זאָגן: מאַידאַנעק...אַלץ פאַרברענט...
רילי,
אַי קען׳ט אַנדערסטענד, אַי קען׳ט!
טאַקע פלעין פאַרברענט?
און איך, אַלטער נאַר,
איך נאַר מיט דער קאַר,

עפעס געדענקט זיך מיר
און עפּעס בענקט זיך מיר
נאָך וויים איך וואָס, נאָך ווייבער מיט שאַיטלען,
נאָך יידן מיט בערד,
נאָך טראַמוואַיען מיט פערד,
נאָך היימישע גריץ,
אַפילו נאָך מיינע מלמדים מיט די טאַיטלען
און מיט די שמיץ,
אַפילו נאָך דעם טאַטנס פּאַטש:
׳עסט רויכערן שבת, יונגאַטש?
עס בענקט זיך אַפילו נאָך פענסטער, נאָך ווענט —
דזשאַסט נאָך פענסטער און ווענט — — —

אַלץ פאַרברענט?
טאַקע פלעין און סימפּל פאַרברענט?
א י ר פאַרשטייט דאָס, לאַנדסמאַן?
נאַט מי!
אַי סימפּלי קען׳ט אַנדערסטענד!
פאַרברענט? וואָס זשע בלייבט?
מיין זינדל רב מאַיק? מיין איידעם דער גוי?
מעיבי אין פּאַלעסטאַין, יו נאָו...
ס׳איז דזשאַסט אַזוי,
אַז כאַטש נעם און ווער פלעין משוגע.

וואַט די העל, ביזנעס איז אַלרייט,
א קערטל בראָקט מען, באַט —
מע ליגט ביינאַכט און מע טראַכט:
וואו שטעקט דאַ ערגעץ גאָט?
אין דער אַלטער היים איז ער געווען, —
זאָל ער דזשאַסט אין אַמעריקע נישט זיין?
ווי קען דאָס זיין?...

וואָס קומט אַרוים, אַז ביזנעס איז אַלרייט?
צום קבר איז נישט ווייט,
און רב מאַיק וועט קיין קדיש נישט זאָגן,
ס'עט אפילו נישט זיין קיין וואָגן.
צו דער סעמעטעטערי פירט מען דיך אין קאַר,
נישט אין קיין עגלה.
דער חזן מיסטער פּעמפּיק
וועט קאַלט און טעמפּיק
מאַכן אַ מלא,
און דו וועסט ווי אין אַן עלעווייטאָר
אַרונטערפאָרן אין דר'ערד,
און ס'וועט דיך אַראָפּלאָזן אַ מאַשין,
און די קאַרס וועלן אַנטלויפן מיט אַ בהלה —
און גודבאַי, סאָ לאָנג!
נישט קיין עגלה,
נישט קיין ארון, נישט קיין מיטה,
נישט קיין טהרה־ברעט,
און דהי מעין טהינג —
נישטאָ קיין קדיש!
כאַטש גיי און דינג!

וועל, אַי דאָנ'ט גיוו אַ דעם
פאַר אַ געדונגענעם אַמעריקאַנער קדיש.
ס'איז טאַקע אָך און אוי,
באַט וואַט קען יו דו?
מ'עט שוין מוזן פּוילן דזשאָסט אַזוי.
עלעהאַי זאָל זיך דאַכטן — אַ גוי.

יו נאָו, מיסטער זאַיטלען:
ווי מ'פּלעגט ביי אונדז אין װאַרשע
אויף נאַכט די טיר פאַרקאַיטלען,
אַזוי איז מיין האַרץ פאַרשפּאַרט אויף אַ קייטל
פון זינט איך בין אַ סיטיזן אין דעם אַמעריקע.

באַט ווי זאָגט מען ? טעיק איט איזי.
נעווער מאַינד די טרערן אין מיין קול:
ווילאַנג די מתים לעבן
מוזן זיי מאַכן אַ לעבן —
דעט׳ס אָל!

1945